וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת ואתחנן - נחמו, ט"ו מנחם אב תשפ"א
שנה ב' גליון פ"ח

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................8:07
מוצאי שבת...........................9:37

האט רחמנות אויף אונזערע קינדער, פארט נישט שנעל אין שטעטל

# א מעשה פון תפלה

## יצחק אהרן וויינבערג

פון ווען איך האב זיך אהערגעצויגן אין שטעטל האב איך געהאט גרויס חשק צו באצאלן די צען טויזנט דאלער וואס די קהלה פאדערט פון יעדן אינגערמאן וואס האט א אייגענע דירה אין שטעטל, כאטש וואס איך האב נאכנישט נישט קיין אייגענע דירה, דאך האב איך זייער שטארק געוואלט צאלן דעם סכום, כדי ווען איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף קויפן א דירה זאל איך שוין האבן געצאלט דעם סכום פון פאראויס פאר די קהלה, דריי יאר האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן דאס גאנצע געלט צו צאלן פאר די קהלה, שכח אייבערשטער יעצט איז די ישועה אנגעקומען, דער אייבערשטער האט מיר געשיקט דעם גאנצן סכום געלט, און געקענט אהינגעבן פאר די קהלה צען טויזנט דאלער. שכח אייבערשטער!

## יעקב משה אינדארסקי

מיין וואש מאשין און דרייער האבן זיך צעבראכן, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א נייע מאשין צו קענען וואשן וועש, שכח אייבערשטער אז איינע פון מיינע קרובים האבן געהערט אז איך דארף א נייע וואש מאשין און דרייער און האט זיך אנגעטראגן צו באצאלן פאר א נייע מאשין, שכח אייבערשטער!

## נחמן נתן בוים

גאר א לאנגע צייט וואס איך בעט שוין דעם אייבערשטן איך זאל קענען זיך אהערציען אין שטעטל קרית ברסלב, און קענען טרעפן א גוטע דירה געאייגענט פאר מיר און מיין משפחה, ברוך השם נאך א שטיק צייט פון בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג - האב איך געטראפן גאר א פיינע דירה.

נאכן אריינגיין אין קאנטראקט האב איך געדארפט ארויסנעמען א מארגעדזש כדי צו קענען באצאלן די הויז, אזוי אויך איז געווען נאך פארשידענע זאכן וואס האט געדארפט אדורך גיין ביזן קענען אפקויפן דעם הויז, יעדע ריר איז געווען באגלייט מיט תפלה, קיין שום זאך האט זיך נישט גערירט אן בעטן פאר דעם די אייבערשטער, אויב האב איך געמאכט א תפלה פאר דעם האט זיך עס גערירט ווייטער, און אויב נישט האט זיך עס געהאלטן און איין פארשלעפן, ברוך השם פאראנגענע וואך האב איך אפגעקויפט דעם דירה, און זיך אריינגעצויגן בשעה טובה ומצלחת.

*טייערער אינגערמאן שיק אריין דיין מעשה פון תפלה צו 845-379-1161*

ברסלב באזאר - Bay & Save

**פרייליכע נייעס**

א פרישע שיפמענט פון שיינע ווינטערדיגע קליידער קומט אן אין די קומענדיגע טעג.
יעדע דינסטאג וועט ווערן ארויסגעלייגט פרישע ווינטערדיגע קליידער.
אפען יעדע מאנטאג און מיטוואך 10:30 - 2:00
צו קומען אין אנדערע צייטן רופט מרת אייזנער תחי' 718-675-6854

# נייעס אין שטעטל

## מען בויעט א פרישע מקוה אין שטעטל

א פרישע מקוה בויעט זיך אין די יעצטיגע טעג, ביים נייעם בית המדרש עצתו אמונה.

פון ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט מייסד געווען דעם כולל היכל הקודש האט ער עס אזוי אהערגעשטעלט אז זיי זאלן ארויסהעלפן מיט אלע עניני הלכה אין די קהילות היכל הקודש די בכל אתר ואתר. יעצט ווען מען האט זיך געגרייט צו בויען א פרישע מקוה ביים בית המדרש עצתו אמונה, האט דער ראש ישיבה שליט"א באאויפטראגט די תלמידי חכמים פונעם כולל, זיי זאלן גרונטליך דורכלערנען הלכות מקוואות, אנגעהויבן פון די ראשונים ביז הלכה למעשה.

פאראנגענעם דינסטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א אראפגערופן דעם גרויסן מומחה בה"א הידועה הגאון ר' איטשע טריגער שליט"א וואס איז פון די גרעסטע מומחים אין די נושא פון מקוואות אין די גאנצע וועלט - אז ער זאל באגלייטן דאס בויען.

איינס פון די מעלות וואס די מקוה האט, אז קיין שום גוי האט נישט צוגערירט צום בויען, נאר אלעס איז געטון געווארן בלויז דורך אידן יראי השם, תלמידי היכל הקודש, אנגעהויבן פון דאס גראבן ביז נאכן גיסן דעם צעמענט.

די רבנים וואס זענען אנוועזנד געווען, זענען שטארק איבערגענומען געווארן פון די בקיאות פון די אינגעלייט אין הלכות מקוואות, די רבנים האבן דורכגעטון מיט די אינגעלייט די שיטות און הלכות פון די שווערע פארצווייגטע הלכות, און האבן געהאט א תענוג רוחני צו רעדן מיט זיי אין לערנען.

די רבנים האבן נישט געקענט אויפהערן באוואונדערן די תמימות און זריזות פון די כולל אינגעלייט, און פון די בחורים וואס האבן ארויסגעהאלפן א גאנצן צייט, צוזעענדיג ווי זיי כאפן זיך צו צום גרויסן מצוה מיט א שמחה, בפרט ווען עס איז באוויסט די גרויסע סגולה פון בויען מקוואות צו געהאלפן ווערן מיט קינדער, און די אינגעלייט וואס זיצן באהלה של תורה א גאנץ יאר, האבן דאס געטון מיט די גרעסטע זריזות, גראבן און בויען די מקוה און גיסן די צעמענט.

דער רב הרב טריגער שליט"א האט זיך ארויסגעדרוקט "איך האב קיינמאל נישט געזען אזא זאך, אינגעלייט וואס לערנען פלייסיג זאלן מיט אזא פלאם און ברען צוהעלפן בויען א מקוה, און מיט אזא זריזות, אז מען האט עס געענדיגט אסאך שנעלער ווי גערעכנט"..

די מקוה וועט דינען די געברויך פונעם גאנצן אומגעגענט וואס געפונט זיך אויף טורין ברידזש און ארום, וואס אין די נאנטע טעג וועלן זיך דארט אהין ציען פרישע זעכצן משפחות אין די נייע דעוועלעפמענט פינף מינוט פונעם בית המדרש און מקוה.

# א בריוו פון
## מוהרא"ש זי"ע

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנָּן י"א מְנַחֵם אָב ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דֶעם קוּנְטְרֵס "**רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים**" וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין ווּאוּנְדֶערְלִיךְ, אוּן דָאס וֶועט בְּוַדַּאי מַאכְן אַ גְרוֹיסְן רוֹשֶׁם אוּן אַ הִתְעוֹרְרוּת בַּיי יוּנְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן **פָּארְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**, אוּן זֵייעֶרֶע פְּרוֹיעֶן וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן, וָוארוּם דָארְטְן וֶוערְט אַרוּמְגֶערֶעדְט פַאר אַלֶע פְּרוֹיעֶן זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט וֶוען זֵיי לָאזְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, זֵיי בְּרֶענְגְן צוּרִיק גַאנְצֶע הוֹיפְנְס מִיט רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, אוּן בְּרָכוֹת מִיט פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח.

עֶס אִיז בַּאוְויסְט דָאס אַלֶע וָואס זֶענֶען נָאר אֵיינְמָאל גֶעוֶוען אוֹיף **רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן**, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, ווִילְן זֵיי שׁוֹין פָּארְן יֶעדֶעס יָאר, וָוארוּם דָאס חַיוֹת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, וּבִפְרַט דָאס אָן אַ שִׁיעוּר יוּנְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן אָפֶענֶע מוֹפְתִים וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, **אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעוָואכְטְן גֶעוָוארְן** דֶעם יָאר, וָוארוּם זֵיי הָאבְן זִיךְ דָארְטְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז זֵיי דַארְפְן הָאבְן קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין פַּרְנָסָה אוּן הָאבְן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה, ווִיפֶּער **זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן הָאט מֶען זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה.**

אוֹיךְ זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹפְתִים וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְן אָפְּגֶעזָאגְט לֹא עָלֵינוּ לֶעבְן פוּן אַ וַוייבּ אָדֶער פוּן קִינְדֶער וְכוּ', אוּן **דָארְטְן הָאט מֶען גֶעפּוֹעֶלְ'ט רְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע**, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט סְתַם מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס קֶען מֶען פְרֶעגְן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן וָואס זֵיי הָאבְן גֶעדַארְפְט.

אִיךְ הָאף אַז יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי דַארְף הָאבְן אַ יְשׁוּעָה, נָאכְ'ן אִיבֶּערְלֵיינֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים" וֶועט זִי **טְרַייבְּן אִיר מַאן מִיט אַ שְׁטֶעקְן** זָאלְסְט אָנְבַּאדִינְגְט פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן בְּרֶסְלֶבֶ'ן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן צִיּוּן אַ גַאנְצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ דָארְטְן זִיצְן אוּן בֶּעטְן אוּן אוֹיסְפּוֹעֶלְ'ן פַאר אוּנְז אַ גְרוֹיסְן יְשׁוּעָה, גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה נַחַת אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ בִּין דִיךְ זֵייעֶר מְקַנֵּא דָאס דוּ הָאסְט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶעם קוּנְטְרֵס "**רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים**", דֶער זְכוּת זָאל דִיר בַּיישְׁטֵיין זָאלְסְט הָאבְן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן הָאבְן אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע שְׁלוֹם בַּיִת.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

~ ~ ~


**וועלכע דריי זאכן האט דער הייליגער רבי זיך אויסגעדריקט וועגן זיין ראש השנה ביי אים**

וועלכע דריי תירוצים זענען ריכטיג?

א) יא עסן נישט עסן
ב) יא שלאפן נישט שלאפן
ג) יא דאווענען נישט דאווענען
ד) יא לערנען נישט לערנען

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז אליעזר שלמה בירנבוים נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

גרעסער פון אלעס


### ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**נחמן נתן בוים הי"ו וזוגתו סימא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

### ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו וזוגתו יענטא רייזל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.